פון די זקנים האָט געענטפערט זאָגנדיק צו מיר:
ווער זענען די דאָזיקע אָנגעקליידטע אין ווייסע
קליידער, און פונוואַנען זענען זיי אָהערגעקומען?
1 און איך האָב געזאָגט צו אים: מיין האַר, דו ווייסט
עס. און ער האָט מיר געזאָגט: די דאָזיקע זענען
עס, וועלכע זענען געקומען פון דער גרויסער צרה,
און האָבן געוואַשן זייערע קליידער און זיי ווייס
1 געמאַכט אין דעם בלוט פון דעם לעמעלע. דערפאַר
זענען זיי פאַר ג־טס כסא־הכבוד; און דינען אים
טאָג און נאַכט אין זיין היכל; און דער, וואָס זיצט
אויף דעם כסא־הכבוד, וועט געבן זיין געצעלט
1 איבער זיי. זיי וועלן מער נישט הונגערן, און זיי וועלן
מער נישט דורשטן; די זון וועט זיי נישט שלאָגן,
1 נישט קיין היץ; (ישעיהו מט, י׳) ווייל דאָס לעמעלע,
וואָס איז דאָרטן אינמיטן פון דעם כסא־הכבוד, וועט
זיי פאַשען און פירן צו די קוואַלן פון וואַסער פון לעבן;
און ג־ט וועט אָפּווישן יעדע טרער פון זייערע אויגן.
(ישעיהו כה, ה׳)

## קאַפּיטל אַכט

1 און ווען ער האָט געעפנט די זיבעטע חתימה,
איז געוואָרן אַ שטילקייט אין הימל אַן ערך אַ
2 האַלבע שעה. און איך האָב געזען די זיבן מלאכים,
וועלכע שטייען פאַר ג־ט; און עס איז זיי געגעבן
געוואָרן זיבן שופרות.
3 און אַן אַנדערער מלאך איז געקומען, און האָט
זיך אַנידערגעשטעלט ביי דעם מזבח, האָבנדיק
אַ גאָלדענע פייערפאַן, און עס איז אים געגעבן
געוואָרן קטורת אַ סך, כדי ער זאָל עס מקריב זיין
מיט די תפילות פון אַלע קדושים אויף דעם גאָלד־
דענעם מזבח, וואָס איז פאַר דעם כסא־הכבוד.